**ארדער פון דעם קאמישאנער פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע**
**צו פאדערן קאוויד-19 וואקסינאציע ביי די ארבעטספלאץ**

**אזוי ווי**, אום מערץ 12, 2020 האט מעיאר ביל דע בלאזיאָו ארויסגעגעבן אן עמערדזשענסי עקזעקיוטיוו ארדער נומער 98 דעקלערנדיג אן עמערדזשענסי צושטאנד אין די סיטי כדי צו אדרעסירן די דראונגען פון קאוויד-19 פאר די געזונטהייט און וואוילזיין פון די סיטי איינוואוינער, און דעם ארדער בלייבט אין קראפט; און

**אזוי ווי**, אום מערץ 25, 2020 האט דער ניו יארק סיטי קאמישאנער פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע דעקלערט א פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי אין די סיטי כדי צו אדרעסירן די אנגייענדע דראונג פון קאוויד-19 צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון סיטי איינוואוינער, און דער דעקלעראציע און פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי זענען ווייטער אין קראפט; און

**אזוי ווי**, דער קאוויד-19 ווירוס זעצט פאר זיך צו פארשפרייטן און צו אריבערגיין מיוּטעישענס, און אום נאוועמבער 26, 2021 האט דער אלוועלטליכער געזונטהייט ארגאניזאציע (World Health Organization, WHO) דעקלערט א נייע וואריאנט פון קאוויד-19, גערופן אָומיקראָן, א באזארגנדער וואריאנט, און די ערשטע באווייזן ווייזן א העכערע סכנה פון ווערן ווידער אנגעשטעקט און פון פארשפרייטונג ארום די וועלט, אריינרעכענענדיג די פאראייניגטע שטאטן; און

**אזוי ווי**, אום נאוועמבער 26, 2021 האט ניו יארק סטעיט גאווערנאר קעטי האָקול ארויסגעגעבן עקזעקיוטיוו ארדער נומער 11 צו אדרעסירן נייע אויפשטייגנדע דראונגען איבער די סטעיט פון קאוויד-19, זעהענדיג אז ניו יארק גייט אריבער קאוויד-19 פארשפרייטונג אין ראטעס וואס די סטעיט האט נישט געזעהן זינט אפריל 2020 און אז די ראטע פון נייע קאוויד-19 האספיטאליזאציעס האט זיך געהאלטן אין איין העכערן דורכאויס דעם פאראנגעגנעם חודש צו מער פון 300 נייע האספיטאליזאציעס א טאג; און

**אזוי ווי**, קאוויד-19 פארשפרייט זיך ווען אן אנגעשטעקטער מענטש אטעמט ארויס דעם ווירוס און עס ווערט אריינגעאטעמט דורך אנדערע מענטשן אדער קומען אן אריין אין זייערע אויגן, נעזער אדער מיילער, מיט מענטשן נאענטער פון זעקס פיס פון דעם אנגעשטעקטן מענטש זייענדיג די מערסטע ווארשיינליך צו אנגעשטעקט ווערן, מאכנדיג די אויסזיכטן פון קאוויד-19 פארשפרייטונג גרעסער אין ארבעטספלעצער צוליב די נאענטקייט צו אנדערע און דאס מיטטיילן אפיסעס און איינריכטונגען ווי בתי כסאות, עלעוועיטארס, לאַביס, זיצונג און פאוזע צימערן און אנדערע מיטגעטיילטע פלעצער; און

**אזוי ווי**, די WHO און די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC) האבן געווארנט אלע מענטשן צו אונטערנעמען מאסנאמען צו רעדוצירן זייערע אויסזיכטן פון באקומען קאוויד-19, באזונדערס די דעלטא און אָומיקראָן וואריאנטן, אריינרעכענענדיג וואקסינאציע, וואס איז א ווירקזאמע מיטל צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19 און בענעפיטירט סיי די וועלכע באקומען דעם וואקסין און סיי די וועלכע קומען באריר‌ונג מיט זיי, אריינרעכענענדיג מענטשן וועלכע פאר סיבות ווי עלטער, געזונטהייט און אנדערע אומשטענדן קענען נישט אליין וואקסינירט ווערן; און

**אזוי ווי**, א שטודיע פון יעיל אוניווערסיטעט האט אויפגעוויזן אז די סיטי'ס וואקסינאציע קאמפיין איז געשאצט צו האבן פארמיטן בערך 250,000 קאוויד-19 פעלער, 44,000 האספיטאליזאציעס און 8,300 טויט פעלער פון קאוויד-19 אינפעקציע זינט די אנהויב פון די וואקסינאציע קאמפיין ביז יולי 1, 2021, און די סיטי גלויבט אז די צאל פון פעלער, האספיטאליזאציע און טויט פעלער וועלכע זענען פארמיטן געווארן זינט דאן איז

נאך מער געשטיגן; און אז פון יאנואר 1, 2021 ביז יוני 15, 2021 זענען מער פון 98% פראצענט פון האספיטאליזאציעס און טויט פעלער פון קאוויד-19 אינפעקציע געווען פון אזעלכע וועלכע זענען נישט געווען פולשטענדיג וואקסינירט; און

**אזוי ווי**, א סיסטעם פון וואקסינאציע וואס פאדערט ארבעטסגעבער צו איינפירן וואקסינאציע פאליסיס פאר זייערע ארבייטער וועט פאטענציאל ראטעווען לעבנס, באשיצן די פובליק געזונטהייט און פארמערן פובליק זיכערהייט; און

**אזוי ווי**, אום סעפטעמבער 9, 2021 האט פרעזידענטביידן ארויסגעגעבן אן עקזעקיוטיוו ארדער זאגנדיג אז "עס איז וויכטיג אז פעדעראלע ארבייטער זאלן אונטערנעמען אלע מעגליכע שריט זיך צו באשיצן און צו פארמיידן פון פארשפרייטן קאוויד-19 צו זייערע קאלעגן און מיטגלידער פון די פובליק", און באפעלנדיג יעדע פעדעראלע אגענטור צו "איינפירן, ווי ווייט עס איז אין איינקלאנג מיט באטרעפנדע געזעצן, א פראגראם צו פאדערן קאוויד-19 וואקסינאציע פאר אלע פון אירע פעדעראלע ארבייטער, מיט אויסנאמען נאר ווי פארלאנגט דורך די געזעץ"; און

**אזוי ווי**, אום אוגוסט 16, 2021 האט מעיאר ביל דע בלאזיאָ אונטערגעשריבן עמערדזשענסי עקזעקיוטיוו ארדער נומער 225, די ""Key to NYC, וואס פארלאנגט די ארבייטער און קונדן פון ביזנעסער וועלכע שטעלן צו אינעווייניגע אונטערהאלטונג, רעסטוראנטן און דזשימס צו פארשטעלן א באווייזן פון צום ווייניגסטנס איין דאזע פון א באשטעטיגטן קאוויד-19 וואקסין, און דער ארדער, ווי ווידערהאלט אין עקזעקיוטיוו ארדער נומער 316 אום דעצעמבער 13, 2021, איז נאכאלץ אין קראפט; און

**אזוי ווי**, אום אוגוסט 24, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ארדער פאדערנדיג אז די עדזשוקעישען דעפארטמענט (Department of Education, DOE) ארבייטער, קאנטראקטארס און באזיכער זאלן פארשטעלן א באווייז פון קאוויד-19 וואקסינאציע בעפארן אריינגיין אין א DOE געביידע אדער אין א סקול, און דער ארדער איז ווידער ארויסגעגעבן געווארן אום סעפטעמבער 12 און 15, 2021, און דערנאך געענדערט געווארן אום סעפטעמבער 28, 2021, און די ארדערס און ענדערונג זענען באשטעטיגט געווארן דורך דעם באורד אָוו העלט (Board of Health) אום סעפטעמבער 17, 2021 און אקטאבער 18, 2021; און

**אזוי ווי**, אום סעפטעמבער 12, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ארדער פאדערנדיג אז איינגעשטעלטע ביי פלעיגרופ פראגראמען אדער סערוויסעס צוגעשטעלט אונטער קאנטראקט מיט די עדזשוקעישען דעפארטמענט אדער מיט די דעפארטמענט פון יונגווארג און קאמיוניטי אנטוויקלונג זאלן פארשטעלן א באווייז פון קאוויד-19 וואקסינאציע, און דער ארדער איז באשטעטיגט געווארן דורך דעם באָורד אָוו העלט אום סעפטעמבער 17, 2021; און

**אזוי ווי**, אום אקטאבער 20, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ארדער פאדערנדיג אז סיטי ארבייטער זאלן פארשטעלן א וואקסינאציע באוויז פאר זייערע אגענטורן אדער אפיסעס ביז אקטאבער 29, 2021 אדער אהיימגעשיקט ווערן פון זייער ארבעטספלאץ, און אום אקטאבער 31, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ערגענצענדן ארדער, און ביידע ארדערס זענען באשטעטיגט געווארן דורך דעם באָורד אָוו העלט אום נאוועמבער 1, 2021; און

**אזוי ווי**, אום נאוועמבער 17, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ארדער פאדערנדיג קאוויד-19 וואקסינאציעס פאר איינגעשטעלטע ביי פלעי גרופס ווי דעטאלירט דערין, און אין אוירלי אינטערווענשאן פראגראמען, און דער ארדער איז באשטעטיגט געווארן דורך דעם באָורד אָוו העלט אום נאוועמבער 19, 2021; און

**אזוי ווי**, אום דעצעמבער 2, 2021 האב איך ארויסגעגעבן אן ארדער פאדערנדיג קאוויד-19 וואקסינאציעס פאר אלע פריוואטע סקול איינגעשטעלטע און וואלונטירן; און

**אזוי ווי**, אונטער טייל 558 פון די ניו יארק סיטי טשארטער (פון דא און ווייטער: "טשארטער"), קען דער באָורד אָוו העלט ארייננלייגן אין די העלט קאָוד אלע אנגעלעגנהייטן און טעמעס אויף ווי ווייט די מאכט און אויטאריטעט פון די דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (פון דא און ווייטער: "די דעפּארטמענט) גייט; און

**אזוי ווי**, אונטער טייל 556 פון די טשארטער און טייל 3.01(c) פון די העלט קאָוד איז די דעפּארטמענט אויטאריזירט צו אויפזעהן די קאנטראלירונג פון אנשטעקיגע קראנקייטן און מעדיצינישע פראבלעמען וועלכע שטעלן א סכנה צו די לעבן און געזונטהייט און צו אונטערנעמען אזעלכע שריט וועלכע זענען מעגליך נויטיג צו פארזיכערן דאס היטן און באשיצן די פובליק געזונטהייט; און

**אזוי ווי**, טייל 17-104 פון די ניו יארק סיטי אדמיניסטראטיווע קאָוד (פון דא און ווייטער: "אדמיניסטראטיווע קאָוד") ווייזט אן די דעפּארטמענט צו אונטערנעמען צייטליכע און ווירקזאמע מאסנאמען צו פארמיידן פארשפרייטונג פון אנשטעקיגע קראנקייטן ווי קאוויד-19, און אין איינקלאנג מיט טייל 17-109(b) פון די אדמיניסטראטיווע קאָוד קען די דעפּארטמענט אונטערנעמען וואקסינאציע מאסנאמען צו ווירקזאמערהייט פארמיידן די פארשפרייטונג פון אנשטעקיגע קראנקייטן; און

**אזוי ווי**, אונטער טייל 3.01(d) פון די העלט קאָוד בין איך אויטאריזירט צו ארויסגעבן ארדערס און אונטערנעמען שריט וואס איך באשטים צו זיין נויטיג פאר די געזונטהייט און זיכערהייט פון די סיטי און אירע איינוואוינער ווען דרינגנדע פובליק געזונטהייט שריט זענען נויטיג צו באשיצן די פובליק געזונטהייט קעגן אן עקזיסטירנדע דראונג און א פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי איז דעקלערט געווארן אונטער דעם טייל;

**יעצט, דערפאר**, טוה איך, Dave A. Chokshi, MD, MSc, קאמישאנער פון די דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע, זעהענדיג אז א פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי אין ניו יארק סיטי גייט אן, און אז עס איז נויטיג פאר די געזונטהייט און זיכערהייט פון די סיטי און אירע איינוואוינער, דערמיט זיך באניצן מיט די באפולמעכטיגונג פון דעם באָורד אָוו העלט צו פארמיידן, פארלייכטערן, קאנטראלירן און פארמינערן די יעצטיגע עמערדזשענסי, און איך טוה דערמיט באפעלן אז:

1. אנגעהויבן פון דעצעמבער 27, 2021 מוזן ארבייטער פארשטעלן א באווייז פון וואקסינאציע קעגן קאוויד-19 צו א געדעקטע ביזנעס בעפארן ארייגגיין צום ארבעטספלאץ, און א געדעקטע ביזנעס מוז אהיימשיקן פון דעם ארבעטספלאץ סיי וועלכער ארבעטער וועלכער האט נישט פארגעשטעלט אזעלכע באווייזן, חוץ פון די אויסנאמען אין פאראגראף 5.

2. געדעקטע ביזנעסער זאלן פעסטשטעלן די וואקסינאציע באווייזן פון ארבייטער. געדעקטע ביזנעסער זאלן:

   a. אוועקלייגן א קאפיע פון יעדן ארבייטער'ס וואקסינאציע באווייז, און אויב נוגע, א רעקארד פון שכל"דיגע אקאמאדאציע(ס) ווי געשילדערט אין טייל (b)(iv); *אדער*

   b. אוועקלייגן א רעקארד פון דעם וואקסינאציע באווייז, מיט די תנאי אז אזא רעקארד זאל ארייננרעכענען:

      i. דעם ארבעטער'ס נאמען; און

ii. אויב דער מענטש איז פולשטענדיג וואקסינירט; און

iii. פאר אן ארבעטער וואס גיבט אריין א באוויז פון דעם ערשטן דאזע פון א צוויי-דאזע וואקסין — דער דאטום וואן דער באוויז פון דעם צווייטן דאזע מוז אריינגעגעבן ווערן, און דאס מוז זיין נישט שפעטער פון 45 טעג נאך דער ערשטער באוויז פון דעם ערשטן דאזע איז אריינגעגעבן געווארן; און

iv. פאר אן ארבעטער וואס גיבט נישט אריין א באוויז פון קאוויד-19 וואקסינאציע צוליב א שכל'דיגע אקאמאדאציע, מוז די רעקארד אנדייטן אז אזא אקאמאדאציע איז געמאכט געווארן, און די געדעקטע ביזנעס מוז האלטן באזונדער רעקארדס וועלכע דייטן אן די באזיס פאר אזא אקאמאדאציע און סיי וועלכע שטיצנדע דאקומענטן איבערגעגעבן דורך דעם ארבעטער; *אדער*

c. קוקט איבער די וואקסינאציע באוויז בעפארן ערלויבן אן ארבעטער צו אריינגיין אין די ארבעטספלאץ און האלטן א רעקארד פון דעם פעסטשטעלונג.

פאר אן ארבעטער וואס איז נישט באשעפטיגט דורך דעם ביזנעס, ווי א קאנטראקטאר, קען די געדעקטע ביזנעס פארלאנגען אז דער ארבעטער'ס ארבעטסגעבער זאל פעסטשטעלן די וואקסינאציע באוויז אנשטאט האלטן די אויבנדערמאנטע רעקארדס. א געדעקטע ביזנעס זאל האלטן א רעקארד פון אזעלכע פארלאנגען און באשטעטיגונגען.

רעקארדס געעפנט אדער אוועקגעלייגט אונטער דעם טייל זאלן באהאנדלט ווערן אלץ קאנפידענטשיעל.

א געדעקטע ביזנעס זאל איבערגעבן ווען געבעטן דורך א סיטי אגענטור פאר אינספעקשען רעקארדס וועלכע זענען געפאדערט צו אוועקגעלייגט ווערן לויט דעם טייל, אין איינקלאנג מיט באטרעפנדע געזעצן.

3. נישט שפעטער פון דעצעמבער 27, 2021 זאל א געדעקטע ביזנעס באשטעטיגן אויף א בויגן צוגעשטעלט דורך די דעפארטמענט אז זיי קומען נאך די פאדערונגען פון פאראגראף 2 פון דעם ארדער און אויפהענגען דעם באשטעטיגונג אין א זעהבארע פלאץ.

4. אין די נוסח פון דעם ארדער:

a. מיינט "געדעקטע ביזנעס":

i. א רעגירונג-אומפארבינדענע קערפערשאפט וואס באשעפטיגט מער פון איין ארבעטער אין ניו יארק סיטי אדער האלט אפן אן ארבעטספלאץ אין ניו יארק סיטי; אדער

ii. א זעלבסט-באשעפטיגטער מענטש אדער איינצלנער ארבעטער וואס ארבעט ביי אן ארבעטספלאץ אדער באגעגנט זיך מיט ארבייטער אדער מיט די פובליק אלץ טייל פון זייער ביזנעס.

b. "פולשטענדיג וואקסינירט" מיינט אז צום ווייניגסטנס צוויי וואכן זענען אריבערגעגאנגען נאך א מענטש האט באקומען אן איינצלנער דאזע פון א קאוויד-19 וואקסין וואס פאדערט נאר איין דאזע אדער דעם צווייטן דאזע פון א צוויי-דאזע סעריע פון א קאוויד-19 וואקסין באשטעטיגט אדער אויטאריזירט פאר באנוץ דורך די עסן און דראג אדמיניסטראציע אדער אלוועלטליכע געזונטהייט ארגאניזאציע, אדער סיי וועלכע אנדערע אומשטענדן וואס ווערן אנגעדייטעט דורך די דעפארטמענט אין אירע אנווייזונגען פארבינדען מיט דעם ארדער.

c. "באווייז פון וואקסינאציע" מיינט איינס פון די פאלגנדע דאקומענטן אויפווייזנדיג אז א מענטש איז (1) פולשטענדיג וואקסינירט געווארן קעגן קאוויד-19; (2) האט באקומען איין דאזע פון אן איינצלנער-דאזע קאוויד-19 וואקסין; אדער (3) האט באקומען דעם ערשטן דאזע פון א צוויי-דאזע קאוויד-19 וואקסין, אונטער דעם תנאי אז אן ארבעטער וואס שטעלט פאר א באווייז בלויב פון איין אזא דאזע שטעלט פאר א באווייז פונעם באקומען דעם צווייטן דאזע פון דעם וואקסין ביז 45 טעג נאכן באקומען דעם ערשטן דאזע:

i. א CDC קאוויד-19 וואקסינאציע רעקארד קארטל אדער אן אנדערע אפיציעלע אימיונזאציע רעקארד פון די דזשוריסדיקשען, סיטי, סטעיט אדער לאנד וואו דער וואקסין איז געגעבן געווארן אדער פון א העלט קעיר פּראָווײַדער אדער אנדערע באשטעטיגטע וואקסינירער וואס האט געגעבן דעם וואקסין וואו עס שטייט דעם מענטשן'ס נאמען, וואקסין פירמע און דעם דאטום ווען עס איז געגעבן געווארן. א דיגיטאלע בילד אדער קאפיע פון אזא רעקארד איז אויך אקצעפטירבאר.

ii. New York City COVID Safe עפּ ווייזנדיג א וואקסינאציע רעקארד;

iii. א גילטיגע Excelsior Pass/Excelsior Pass Plus; New York State

iv. CLEAR Health Pass; אדער

v. סיי וועלכע אנדערע מעטאד אויסגערעכנט דורך דעם קאמישאנער אלץ צופרידנשטעלנדע באווייז פון וואקסינאציע.

d. "ארבעטער" מיינט א מענטש וואס ארבעט אין ניו יארק סיטי פיזיש ביי אן ארבעטספלאץ. ארבעטער רעכנט אריין א פוּל-טיים אדער פּאַרט-טיים איינגעשטעלטער, ארבעטסגעבער, באשעפטיגטער, אינטערן, וואלונטיר אדער קאנטראקטאר פון א געדעקטע ביזנעס, און אזוי אויך א זעלבסט-באשעפטיגטער מענטש אדער איינצלנער ארבעטער.

ארבעטער רעכנט נישט אריין:

i. א מענטש וואס ארבעט פון זייער אייגענע היים און וועמענס ארבעט איז נישט פארמישט מיטן זיך באגעגענען פנים אל פנים מיט קאלעגן אדער מיט פובליק מיטגלידער;

ii. א מענטש וואס גייט אריין אין די ארבעטספלאץ פאר א שנעלע און באגרעניצטע צוועק; אדער

iii. מענטשן וועלכע זענען נישט קיינע איינוואוינער פון די סיטי וועלכע זענען ערשיינענדע ארטיסטן (מוזיקאנטן, שפילער, און דאס גלייכן), קאלעדזש אדער פראפעסיאנאלע ספארטסלער אדער מענטשן וועלכע באגלייטן אזעלכע ארטיסטן אדער קאלעדזש אדער פראפעסיאנאלע ספארטסלער וועלכע דארפן נישט פארשטעלן וואקסינאציע באווייזן אונטער דעם Key to NYC פראגראם, עמערדזשענסי עקזעקיוטיוו ארדער נומער 316 און נאכפאלגנדע ארדערס.

e. "ארבעטספלאץ מיינט סיי וועלכע לאקאציע, אריינרעכענענדיג א רוקעוודיגע פלאץ (קאר, טראק א.ד.ג.) וואו ארבעט ווערט דורכגעפירט אין אנוועזנהייט פון אן אנדערן ארבעטער אדער פובליק מיטגלידער.

5. גארנישט פון דעם ארדער זאל אויסגעטייטשט ווערן צו פארבאטן שכל'דיגע אקאמאדאציעס פאר

מעדיצינישע אדער רעליגיעזע סיבות.

6. דער ארדער זאל נישט ארויפגיין אויף ביזנעסער אדער מענטשן וועלכע זענען שוין מחוייב אונטער אן אנדערן ארדער פון דעם קאמישאנער פון די דעפארטמענט, באָורד אָוו העלט, דעם מעיאר אדער א סטעיט אדער פעדעראלע קערפערשאפט וואס איז אין קראפט און פאדערט זיי צו אוועקלייגן אדער פארשטעלן א באוויז פונעם זיין פולשטענדיג וואקסינירט אדער אויף מענטשן וועלכע זענען געגעבן געווארן א שכל'דיגע אקאמאדאציע אונטער אזא פאדערונג.

7. דער ארדער זאל באלד ארייננגיין אין קראפט, און בלייבן אין קראפט ביז עס ווערט צוריקגעצויגן, זייענדיג אונטער די אויטאריטעט פון דעם באָורד אָוו העלט צו פארזעצן, צוריקציהען, טוישן אדער ענדערן דעם ארדער אונטער טייל 3.01(d) פון די העלט קאוד.

Dave A. Chokshi, MD, MSc
קאמישאנער

דאטום: דעצעמבער 13, 2021